מאַקס כּאָהן

# קלאָד האַמפּעל איז לעבעדיק אין מיר

## געדאַנקען אין אָנדענקונג קלאָדן

קלאָד האַמפּעל איז צו אונדזער באַדויער געשטאָרבן. ער איז לעבעדיק אין מיר. ער איז געווען און איז פֿאָרט אַ פֿרײַנד מיט וועלכן איך האָב אַזוי פֿיל גערעדט אין ייִדיש און אַפֿילו אין פֿראַנצייזיש אַז דער שמועס גייט ווײַטער.

קלאָד ! עס יאָגט מיר נישט צו קומען רעדן מיט דיר אין באַניע און שמועסן מיט אַנדערע מענטשן. איך האָב נאָך אַ סך אַרבעט און אַ סך שמועסן צו מאַכן... וואָס איז וויכטיק איז, אַז די זאַכן זאָלן גיין ווײַטער. ייִדיש לעבט אין עטלעכע אופֿנים. דער אַקאַדעמישער אופֿן איז נישט דער איינציקער. דו פֿלעגסט רעדן ייִדיש מיט אַ פֿראַנצייזישן אַקצענט, אַפֿילו אַ פּאַריזער אַקצענט. מיר האָבן אַ לאַנד, פֿראַנקרײַך, און אַ שטאָט ווו מיר לעבן, פּאַריז. פֿאַר סיריל פֿליישמאַנען איז אויך פּאַריז געווען זײַן שטאָט זײַן אייגענע. דו קומסט דאָך פֿון וואַרשע, און אין דעם אמתן געזאָגט האָסטו נישט געוואָלט אַזוי פֿיל רעדן דערפֿון. די האָסט גערעדט מיט מיר פֿון דײַן ראַק, אַ פּערזענלעכער שונא האָסטו געזאָגט. די האָסט געקעמפֿט אַזוי ווײַט ווי דו האָסט געקענט אַקעגן אים. צום סוף ביסטו ניפֿטר געוואָרן. דאָס פּאַסירט פֿאַר יעדן איינעם. דאָס לעבן האָט אַ סוף פֿאַר יעדן מענטש ווי אַלט אָדער רײַך ער זאָל נישט זײַן. דײַן ירושה עקזיסטירט. דער ייִדישער זשורנאַליזם האָט אַ ביסל ווײַטער געלעבט מיט דיר, אַ גאַנצע טראַדיציע, אַזוי פֿיל וויכטיק נאָך דעם חורבן. איך געדענק מײַנע עלטערן, ווי זיי האָבן געלייענט "אונדזער וואָרט" און ווי זיי האָבן געהאַט הנאה. איך וויל דיר זאָגן, מײַן פֿרײַנד, אַז דו ביסט דאָ געווען פֿאַר מיר ווען איך האָב דיר געהאַט נייטיק. קלאָד האַמפּעל, דו לעבסט אין מיר.